# הושענא רבה תשכ"ח

**ס'איז** ידוע דער טאג ווערט אנגערופן "הושענא רבא", ברויך מען צו פארשטיין דעם נאמען. קודם עפ"י פשוט, **כ'וועל נאכזאגן וואס דער טאטע זכרונו לברכה פלעגט צו זאגן יעדעס יאר, פלעגט ער זאגן דאס משל פונעם זיידען ז"ל**, ווען א מלך קומט אין שטאט אריין, מ'גוט ארויס כרוזים "דער מלך קומט אין שטאט אריין", היצט איז די צייט, יעדער קאן זיך גיין בעטען וואס מ'ברויך עפעס, חלילה אז מ'האט עפעס פוגם געווען קעגן מלך איז היצט די צייט מ'זאל גיין מפייס זיין און פארעכטען וואס מ'האט פוגם געווען. איז דאך מובן מאליו, ווער ס'איז א בר שכל ווארט ער קיים דיא צייט, ער גייט פאראויס אקעגען דעם מלך נאך איידער ער קומט אריין אין שטאט אריין, ער פאלט שוין פאר די פיס און בעט זיך, ער קומט שוין אריין אין די שטאט אריין מיט נשיאות חן בשמחה. ווער ס'פארשטייט דאס נישט, אבער ווען דער מלך איז שוין אין שטאט, ווערט יעדערער נתעורר, מ'ווייסט היצט איז דא אזא צייט, נישט אלעמאל האט מען אזא געלעגנהייט. אזוי ווי ס'גייט דורך אלדינגס, ס'גייט דורך די גאנצע צייט, דער מלך האלט זיך שוין ביים געזעגענען, מ'ווערט געוואויר אין שטאט (שעומד להתפרד), די אלע וואס זענען נישט געקומען, זיי האבן נישט געהאט דעם שכל און דעם דעת, אז זיי זאלן גיין ווען די צייט איז, אין דיא זמנים פון מלך, **אבער** (ווען) מ'האלט שוין ביים **געזעגענען, ווער פארשטייט נישט אז מ'ברויך צוגיין און פאלן**

KolSatmar.com

פאר די פיס, און זיך בעטן באמת. נאר ווי אזוי קומט מען צו, מיט גרויס בושה, דער מלך איז טאקע א רחום וחנון, ער איז אלעמאל מקבל, אבער מיט גרויס בושה (קומט מען), מ'פרעגט דאך די קשיא "אי מלכא אנא עד השתא אמאי לא אתית לגבאי", ווי ביסטו געווען ביז היצטערט, וואס האט זיך מיט דיר געטוהן פריער. נאר אז מ'קומט אבער און מ'זאגט איך קום איצטערט וועגן א זאך וואס איז טאקע אין אינטערעסע פונעם מלך אליין, איז נישט פארהאנדען קיין שום קשיות, איז אלעמאל אפען די טויערן.

**איבערדעם** ווען ס'קומט דער טאג הושענא רבא, דער אמת דער פסוק זאגט דרשו ה' בהמצאו, מ'זאל זוכען דעם באשעפער ווען ס'איז מסוגל די צייט, דאס זענען די הייליגע טעג, עשרת ימי תשובה און דערנאך די ימים טובים, דער הייליגער יו"ט סוכות מיטן אתרוג מיטן לולב, ווי מ'זאגט ארבע אותיות שמך המיוחד והיו לאחדים בידי, דער אמת ווען מ'קוקט זיך אהן, ס'איז דורכגעגאנגען די אלע טעג מ'האט נישט געטוהן גארנישט, דאס הארץ איז פארשטיינערט, אונז האמיר נישט געהאט קיין דעת זיך צו בארעכענען, אבער היצט הושענא רבא האלט מען שוין ביים געזעגענען, דער גמר חתימה, גמר מסירת הפתקין, דעמאלץ ברויך דאך שוין יעדער נתעורר צו ווערן און צוצוגיין, אבער מיט גרויס בושה, איבערדעם זאגט מען "למענך אלקינו", אונז זעמיר דא מתפלל אין אינטערעסע פונעם בוכ"ע אליין, דער שפלות איז דאך אן א שיעור, איז דאס א העדר כבוד שמים, בעוה"ר, הקב"ה קוקט דאך ארויס ווען וועלן יודן נתקרב ווערן, הקב"ה קוקט דאך ארויס ווען וועלן שוין יודן געהאלפן ווערן, אזוי דער של"ה הק' (מס' שבועות) ברענגט דארטן די מעשה, אז מ'העט ווען געוויסט דעם צער פון די שכינה הקדושה, ווי דער בוכ"ע קוקט ארויס ווען וועלען יודן געהאלפען ווערן, דעמאלץ העט מען עס

KolSatmar.com

נישט ווען געקאנט אויסהאלטן, העט מען נישט געהאט קיין רוה, איבערדעם זאגט מען "למענך אלקינו".

מורי ורבותי! אונז דארף מיר וויסן דעם אמת, בדורות הראשונים, אין די פריערדיגע דורות, פון ווען אהן מ'איז אריין אין אלף השישי, איז געווען דער זמן וואס מ'האט געקאנט געהאלפן ווערן, עס ווערט דאך אנגערופן די לעצטע צוויי אלפים, ווי די גמרא רופט עס אן "שנות המשיח", די שבועה איז נאר געווען אויף די ערשטע טויזנט יאר, אויפן אלף החמישי, ס'שטייט אין ישמח משה, הצדיק אבד לדורו אבד, אונז וויס מיר דאך די זעקסטע מדה ווערט דאך אנגערופן צדיק, ע"ש יוסף צדיקא, די מדה הששית ווערט אנגערופן צדיק, איבערדעם זאגט ער דער אלף השישי דאס איז די מדה פון צדיק, אין די פריערדיגע (דורות) איז עס געווען פאר די פריערדיגע עוונות, דער גזירת הגלות איז געווען פאר די פריערדיגע עוונות, אבער די יארן פון אלף השישי - די מדת צדיק - דאס איז לדורו אבד, דער אבדון איז שוין פארן דור אליין, וואס מ'זינדיגט אין יעדן דור ווערט אויפגעהאלטן (די גאולה). דער אמת, די אלע יארן האט אויסגעפעלט תשובה, נאר דער אמת איז, וואו שפעטער איז מער עלול צו די ישועה, צו די גאולה, אפילו אזא תשובה וואס ס'האט אין די פריערדיגע דורות נישט געקאנט נוצן, ס'איז נאכנישט געווען, היינט איז גענוג אפילו ווייניגער, נאר עפעס מ'זאל כאטש טון, לאמיר נישט ארויס אינגאנצען מיט גארנישט, ווען מ'העט געוויסט אויף ווי ווייט, וואס ס'קען נוצן, העט מען דעמאלץ דאך אוועקגעלייגט אלדינגס, ווען מ'העט געוויסט ווי אזוי ס'זעהט אויס, ווי מ'זעהט אין ספרים הקדושים, וואס ס'טוהט זיך דארט אפ אין די עולמות העליונים אין אזא לעצטען טאג, ווען מ'קוקט ארויס אויף די ישועה, ס'זאל זיין א שנת גאולה וישועה, ווען מ'העט געוויסט וואס דאס קען נוצן אויבן, מ'העט

KolSatmar.com

געזעהן אלעם וואס ס'טוהט זיך, אונז גלייב מיר, בעוה"ר מ'זעהט נישט און מ'הערט נישט, אז מ'העט נאר אביסל משים אל הלב געווען, מ'זאל אביסל משים אל הלב זיין, מ'זאל בעטען ביים באשעפער סייעתא דשמיא, די גרעסטע הילף וואס מ'דארף צו בעטען פון באשעפער איז אז מ'זאל קענען זיין א יוד פארן רצון הבורא ברוך הוא, ווען וועל מיר שוין זיך עפעס בארעכענען אמאל, לאמיר נישט שווייגען אין דעם טאג, מ'וועל מיר שוין נישט האבן אזא טאג ביז איבער א יאר, ווייסט השי"ת וואס אין דעם יאר וועט זיך טון, ווייסט דער אייבירשטער וואס ס'הענגט נאך חלילה אויף יודישע קינדער, קיינער איז נישט זיכער מיט זיך.

**דער אמת,** אז מ'קומט זיך צוזאם אין אזא טאג, א יוד וואס ער וויל נאך דינען דעם אייבירשטען, מ'קומט זיך כאטש צונעזאם אין די בתי כנסיות און די בתי מדרשות, נאר די הערצער זענען פארשטאפט, איבערדעם איז דאס ערשטע די ענינים המעכבים את הגאולה, מ'זאגט יעדן טאג אין די קר"ש, ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, די גמרא זאגט (ברכות יב:) וואס איז טייטש אחרי לבבכם, זו מינות, ואחרי עיניכם זו עריות, אין דיאביידע איז גרויס די נסיונות אויף דער וועלט, קודם דאס ענין פון דער אמונה, בעוה"ר מ'ווערט אזוי נתגשם, מ'ווייסט שוין ניטאמאל וואס הייסט אמונה שלימה און הקב"ה, מ'האט גארנישט קיין השגה וואס מ'טוט אויף מיט א שטיקעלע אמונה אין הקב"ה, מ'זאל אמת'דיג האבן די אמונה שלימה אין הקב"ה, קיינער קען אונז נישט העלפן נאר איין באשעפער, אוי מ'זאל וויסן אז דאס איז עס, מ'דארף וויסן . . .., מ'דארף וויסן מ'דארף מצפה זיין באמת אויף ביאת משיח, בעוה"ר מ'ווערט געכאפט פונעם זרם העולם. און ווידעראום עריות, מ'היט זיך נישט אפ די אויגען, מ'דארף דאך נישט אויסצורעכענען, יעדער ווייסט דאך ביי זיך, יעדער ווייסט דאך וויאזוי ער זעהט אויס, צו האט ער שוין פארראכטן די

KolSatmar.com

חטאות נעורים, מורי ורבותי ! היצט איז די צייט, מ'קומט זיך צונעזאם, תשובת הרבים, דער טאטע זכרונו לברכה פלעגט צו זאגן פונעם זיידען (היש"מ) ער זעהט עס מיט די אויגן, אונז זעה מיר נישט, די אלע ניצוצין הקדושים קומען אין ביהמ"ד אריין ווען יודן קומען זיך צוזאם, און בעטן זיך מיט געוויין "זייטע אונז מעלה", "לאזט אונז נישט ביי די קליפות מער", מיט וואס קאן מיר דאס פארריכטען, נאר מיט אמת'דיגע טרערן פארן באשעפער, לאמיר זיך מקבל זיין פון היצט אהן מ'זאל האבן אפגעהיטענע מחשבות און אפגעהיטענע אויגן, השי"ת זאל העלפן מ'זאל מער נישט זינדיגן, און אין דעם איז נכלל דאס פריצות וואס מ'גייט, מ'העט געדארפט האבן מסירות נפש אויף דעם, דער בעל דבר כאפט זיך אריין, איך דארף עס נישט אויסרעכענען.

וועל מיר צוקומען צום ענין, ס'הייסט הושענא רבא, תוספות זאגט אין ברכות (דף ג.), דער מחזור ויטרי טייטשט יהא שמיה רבא, מיינט מען ס'זאל זיין שמו שלם וכסאו שלם, ס'זאל נישט זיין מער בחסרונו, ס'זאל זיין יהא שמיה "רבא", ס'זאל זיין שמו שלם וכסאו שלם, ווען ס'וועט זיין די ישועה שלימה, מ'זאגט אין פייט השם יתמלא ככתיבתו, ווען ס'וועט זיין מחיית עמלק בשלימות, דער טייטש פון מחיית עמלק איז דער ס"מ, דער זוה"ק זאגט דאס מיינט מען דאס ערב רב וואס ס'איז אויסגעמישט צווישן יודן, עכ"פ דער מחזור ויטרי זאגט שמיה רבא, תוס' זאגט אין דיא אגדתא וואס דארט שטייט, וואס ער האט געזאגט (שמעתי) בת קול שמנהמת כיונה, ווען יודן זאגן יהא שמו הגדול מבורך, זעהט אויס אז דאס איז א שבח, (ותיבת) "מבורך" דאס ציהט זיך צוריק, ס'איז נמשך (אדלעיל), יהא שמיה רבא מברך, מ'זאגט שמו הגדול מבורך, ס'איז נישט אפגעהאקט, לויטן מחזור ויטרי איז עס אפגעהאקט, "יהא

KolSatmar.com

שמיה רבא״ דאס איז א תפלה, און דערנאכדעם זאגט מען מבורך לעולם ועד.

**דער** סמיכת חכמים זאגט ס׳קאן זיין בײדע אמת, ס׳איז טאקע א שבח, און ס׳ליגט דערינען דיא בקשה אויך, דער אמת געפינט מען דאך אזוי, אין אלע שבחים ליגט דערינען תפלות, איז דא דערינען תפלות, עכ״פ אזוי זאגט דער מחזור ויטרי פון די ראשונים, און ס׳איז בײדע אמת, מ׳לויבט דעם אייבירשטן, אבער ס׳ליגט אין דעם די תפלה יהא שמיה ״רבא״. ער זאגט נאך צו אז דאס איז דער פשט יתגדל ויתקדש שמיה רבא, ס׳זאל נתגדל ווערן דער שם, ס׳זאל נתמלא ווערן (השם י״ה שהוא במילואו בגי׳ כ״ו וע״כ הוא ״רבא״ גם בזה״ז, ועי׳ ד״י ע׳ ת״ל). דער אמת איז דאך, שמו איז דאך שלם, נאר באיתכסייא, אויבן בעולם העליון איז שמו שלם היצט אויך, נאר באתגליא איז עס נישט, אויף דעם עולם, כי יד על כס י-ה מלחמה לה׳ בעמלק מדור דור, ס׳איז נישט שמו שלם וכסאו שלם, נשבע הקב״ה וכו׳.

**דער** ישמח משה טייטשט (בפייט של י״ג מדות) ״בראותי כל עיר על תילה בנויה ועיר האלקים מושפלת עד שאול תחתיה״, האט מען דאך אויף וואס צו בעטן, פונדעסטוועגן זאגט ער ״ובכל זאת״, אונז קער מיר זיך בעיקר נאר ״אנו לי-ה ועינינו לי-ה״, פארוואס ס׳איז נאר י-ה, פארוואס איז נאכנישט שמו שלם דער גאנצער שם, נאר א האלבער שם.

**עכ״פ** אין דעם טאג הושענא רבא, מ׳בעהט למענך אלקינו, דער עיקר איז די ישועה כלליות, ממילא וועט זיין שמיה ״רבא״, אזוי ווי מ׳זאגט יתגדל ויתקדש שמיה רבא, איבערדעם הייסט דער טאג ״הושענא רבא״.

**דער אמת, דאס אליין איז א לימוד זכות אויף יודן זיי זאלן געהאלפן ווערן, ווייל ס׳איז תלוי, אין ישועת ישראל**

KolSatmar.com

איז תלוי שמו יתברך, ס'זאל זיין שמו שלם, ממילא (ראוי שיוושעו ישראל), אזוי ווי כ'האב געזאגט פשט "וצדקינו במשפט" ווייל ס'איז "המלך המשפט", דער משפט איז נוגע כביכול דעם בוכ"ע, שמו וכסאו.

**ס'איז** דא וואס טייטשן, חדשים לבקרים רבה אמונתיך (איכה ג'), וואס עפעס רבה אמונתיך, זאגט רש"י ס'איז א דבר גדול די אמונה אין הקב"ה, די הבטחה פון הקב"ה, אין די מדרשים איז דא אסאך פשטים, מ'זעה מיר דאך אז יעדן טאג ווערט מען באשאפן א ברייה חדשה, זאגט דער מדרש רבה, דאס איז א הוראה אויפן תחיית המתים, חדשים לבקרים, איז רבה אמונתיך, קומט ער אלץ אויס צו "רבה", ס'איז דא דערויף כמה פשטים וואס ס'קומט אלץ אויס (שהאמונה הוא רבה), קאן אפשר זיין טאקע דאס איז דער פשט, דער "רבה" וואס מ'איז דא מתפלל יהא שמיה רבא, ס'זאל זיין שמו שלם.

**ס'שטייט** אין מדרש אוי מי יחיה משומו אל, זש"ה למען שמך ה' וסלחת לעווני כי רב הוא, קען זיין טאקע אויך אזוי, אוי מי יחיה משומו אל, ווער וועט זיך קאנען דערהאלטן ביים חיות ווען ס'וועט זיין, - אזוי זאגט דאך דער תרגום אויכעט אזוי, - דעמאלץ ווען ס'וועט זיין, ווען מ'וועט געבען שכר טוב לצדיקים און דעם דין פאר רשעים, ווער וועט בלייבן אויף דעמאלץ, ווער וועט זיך דערהאלטן, ווי לחייבא דייחון בימים אלו ווען ס'וועט זיין משומו אל, ווען ס'וועט זיין די ישועה שלימה. אזוי ווי דער אמת מ'קוקט זיך אן, ס'איז קיין אנדערע עצה נישט דא, קיין אנדערע עצה איז נישטא נאר אז יודן זאלן געהאלפן ווערן אויף די גאולה שלימה, אבער דער אמת אין דעם ליגט אויך א גרויסער פחד, ווער וועט האבן די זכיה דאס צו זעהן, דאס אלעס גייט אויך צו במשפט, אוי מי יחיה משומו אל, ס'וועט זיין דאך א יום הדין הגדול אויכעט,

KolSatmar.com

ווער ס'איז ראוי, אזוי ווי ס'שטייט מ'וועט פירן אין די מדבר און מ'וועט דן זיין יעדן, אבער יודן האפן אבער דאך, יודן וואס זיי האבן מתפלל געווען אויף שמו שלם וכסאו שלם, מיט דעם כח אליין וועט מען ניצול ווערן אונז זאל מיר זוכה צו זיין מהנהו חבורתא. איבערדעם זאגט ער אוי מי יחיה משומו אל, וואס וועט זיין מיט יודן, זאגט ער למען שמך ה' בעט מען וסלחתי לעוני "כי רב הוא", ס'איז א דבר גדול, ס'איז רבה אמונתיך, ס'זאל זיין שמו שלם וכסאו שלם.

**איך** האב דא אינזין געהאט נאך, וואס מ'זאגט ובכל זאת אנו לי-ה - ווי דער ישמח משה זאגט - ועינינו לי-ה, קען נאך זיין אין דעם שטיקל פייט, דער פרי מגדים ברענגט אין סימן תקס"א, ברענגט דער פרי מגדים, ווען ר' גרשון קיטובער זי"ע איז געקומען קיין ארץ ישראל, ווען ער איז געקומען קיין ירושלים האט ער געזעהן ס'איז שיין אויסגעבויעט, האט ער זייער געוויינט, האט ער געזאגט דאס איז דער פשט, אזכרה אלקים ואהמיה בראותי כל עיר על תלה בנויה, דער שטאט אונטען איז טאקע גוט אויפגעבויט, אבער ועיר האלקים, וואס טוהט זיך מיט ירושלים של מעלה, מושפלת עד שאול תחתיה, (זה קאי) אויף ירושלים של מעלה. נאר באמת ס'איז אלץ שווער, דאס לשון עד שאול תחתיה ווי קען מען זאגן אויף ירושלים דלמעלה, ס'איז טאקע א שפלות, אבער דער שאול תחתיה, אויבן איז נישטא קיין שאול תחתיה, שאול תחתיה איז ערגעץ אנדערש, נישט ביי די עולמות העליונים דארטן ווי ס'איז ירושלים של מעלה, כאטש וויאזוי ס' איז, אפילו אין גלות, איז נאך אלץ שווער אבער דאס לשון עד שאול תחתיה.

**נאר** וואס זשע דען, די הייליגע דיבורים פון ר' גרשון קיטובער זי"ע, דאס זעהט מען היינט נעבעך עפ"י פשטות, מ'מוז נישט אנקומען צו ירושלים של מעלה מ'זאל זעהן דאס שפלות,

KolSatmar.com

וואס ווערט אנגערופן עיר האלקים, ס'שטייט והאבן הזאת יהיה בית אלקים, זאגט דער תרגום אהא פלח עלה קדם ה', דאס וואס איז א מקום עבודות ה' הייסט דאס בית אלקים, א שטאט ווי ירושלים האט געהייסן עיר האלקים, טאקע "ירושלים של מטה" האט געהייסען עיר האלקים, פארוואס, ווייל ס'איז געווען דאס מקום פון עבודה, אזוי ווי תוס' זאגט אין ב"ב דף כ"א, מ'האט געשטעלט די תלמוד תורות אין ירושלים ווייל כי מציון תצא תורה, זאגט תוס' פארוואס מציון תצא תורה, ווייל אז מ'איז געקומען אהין און מ'האט געזעהן די עבודה פון די כהנים, מ'האט געזעהן דאס עבודות ה' ברוך הוא האט דאס געברענגט יראת שמים, האט מען משים על הלב געווען, האט מען מער הצלחה געהאט אין די תורה הק', ס'איז געווען א עיר האלקים, און אזוי כסדר, אפילו אין גלות, בגולה, האט מען עס נאך געהאלטן אן עיר אלקים, ס'האט זיך נאך דערקענט דאס יודישקייט, די קדושה (של ירושלים), **בעוה"ר היינט, ס'איז טאקע כל עיר על תלה בנויה, די גאנצע שטאט, אבער ועיר האלקים, טאקע דא מלמטה, מושפלת עד שאול תחתיה, נעבעך דאס פריצות מיט מינות און די כפירה, און דעם ניאוץ ה' וואס איז דארטן, איז דאך עד אין חקר, ווען אונזערע עלטערן העטן דאס געהערט וואלט זיי ווען דאס הארץ צוגאנגען, העטען זיי עס נישט אויסגעהאלטן.**

**על** זה יש להתאונן, ווי דער ב"ח זאגט (או"ח סי' קי"ח) וואס מ'לאזט אויס וכסא דוד עבדך, ווי קומט דאס אריין ווען מ'בעהט אויף ירושלים, אסאך קריגען דארט אז ס'זאל זיין טאקע די חתימה מעין הפתיחה, זאגט דער ב"ח ס'איז טאקע מעין הפתיחה, **ווייל מ'בעהט אויף ירושלים אז דוד המלך זאל קאנען אהין קומען, ס'זאל זיין א מקום קדוש, טאמער איז עס אויף אזא אופן אז ס'איז נישט פאר דוד המלך אויף דעם בעט מען גארנישט,** אזוי זאגט דער ב"ח, אז דאס איז איינס, איז עס מקושר וכסא דוד עבדך (עם בונה ירושלים). מיט דעם פארשטייט מען דעם פשט,

KolSatmar.com

בראותי כל עיר על תילה, ועיר האלקים איז מושפלת בעוה״ר טאקע עד שאול תחתיה, דער עיר האלקים וויאזוי זעהט עס אויס, ווי קען מען דארט האפן. איבערדעם זאגט מען ווייטער, נו וויאזוי קאן מען געהאלפן ווערן אז ס׳זעהט אזוי אויס, נאר אנו לי-ה, בכל זאת אנו לי-ה ועינינו לי-ה, מ׳פארלאז מיר זיך אויפן באשעפער, דער באשעפער זאל זיך אננעמען למען שמו הגדול, ס׳זאל יהא שמיה רבא.

**מ׳זאגט** דא ״למענך אלקינו״, לכאורה דארף מען זאגן מדת הרחמים, למענך ה׳, בעט מען דען אויף מדת הדין, נאר מיט רחמים קען מען דאך געהאלפן ווערן, מ׳דארף בעטן אז ס׳זאל זיין חסדי ה׳ וגו׳ כי לא כלו רחמיו, שם הוי׳ איז מדת הרחמים, (והול״ל) הושענא למענך ה׳.

**נאר** מ׳זאגט יעדן טאג שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד, זאגט רש״י ה׳ אלקינו, אז היצט איז נאר אלקינו, לעתיד וועט זיין ה׳ אחד, וועט יעדער מודה זיין. פרעגט דער מזרחי, דאס איז דאך א ציווי אויף אחדות הבורא ברוך הוא, און לויט דאס איז דאס אזוי ווי א סיפור, איך זאג ער איז היצט אלקינו, וואס דארף מען דאס זאגן, דאס איז דאך א ציווי אז מ׳זאל מייחד זיין השם יתברך, וואס דארף מען מזכיר זיין אז ס׳איז נאר היצט (רק אלקינו), אין דער ציווי, אזוי ברענגט ער דארט, און ס׳ברויך פשט.

**נאר** וואס דען, איך האב גערעכנט, ביז ס׳ווערט נישט ס׳איז נישטא דאס התגלות אז מ׳זאל זעהן דעם אמת, **דער אמת איז**, **יעדער זאגט דאך אז ער מיינט אויך לשם שמים**, **נאר מיט א כוונה פארקערט**, **ס׳איז א תמורה**, **איבער געטוישט**, דאס איז פשט, יעקב אבינו האט געפרעגט שמא יש בלבכם וכו׳ און זיי זענען נישט ראוי לברכה, האבן זיי געזאגט כשם שאין בלבך אלא אחד כך אין בלבינו אלא אחד, וואס עפעס האבן זיי געזאגט כשם וכו׳,

KolSatmar.com

(הול"ל רק) אין בלבינו אלא אחד, איז דען דא צוויי ערליי אחד, (הול"ל) אין בלבינו, וואס איז דער "כשם שאין בלבך", נאר דאס איז נאך נישט געגוג, (שיש בנ"א) ער זאגט אז ער מיינט אחד, און דער סוף איז גאר אויף חשבונות רבים, א שלעכטע כוונה, האבן זיי געמוזט ארויס זאגן (ליע"א), לויט דיין נוסח, אויף דיין דעה, **כשם שאין בלבך אלא אחד, האבן זיי געזאגט פאר יעקב אבינו, אזוי ווי דו ביסט מייחד דעם באשעפער, דו לאזט דיך נישט פארפירען פון דעות רעות, פון דיעות נפסדות, כך אין בלבינו אלא אחד.**

**דער** מדרש זאגט, שמע ישראל, ישראל סבא, דאס זאגט מען, אזוי ווי מ'האט דעמאלטץ געזאגט (בימי השבטים), אזוי זאג מיר היינט אויך. (וע"ז ג"כ קשה לכ') וואס דארף מען דאס זאגן, שמע ישראל - לויטן מדרש רבה, - פארוואס דארף מען דערציילען דעם שמע ישראל, אז מ'זאגט פאר ישראל סבא פאר יעקב אבינו, מ'זאגט דאך פארן באשעפער. נאר וואס'זשע דען, (כדי) מ'זאל דאס מרמז זיין, מ'זאל ווייזען.

**איבערדעם** מוז מען זאגן אלקינו (כפי' רש"י), מוז מען דאס דערציילען, שלא עשנו כגויי הארצות, נישט אזוי ווי די אומות מיטן ערב רב, מיט דיא אלע וואס זיי האבן דיעות נפסדות, וואס זיי גייען נאך דעם זרם העולם, ווי זיי זענען מייחד דעם באשעפער. זאגט מען ניין, אלקינו, מ'לאזט זיך נישט פארפירען פון דער וועלט, ס'איז נאר אלקינו, אזוי זאגט מען פאר ישראל סבא, שמע ישראל, אזוי איז ה' אלקינו.

**דער אמת,** ווען ס'וועט זיין ורוח הטומאה יעביר מן הארץ, ווען ס'וועט זיין והיה ה' למלך על כל הארץ, וועט זיין כולו רחמים, אבער היינט בעוה"ר אז ס'איז אזוי, ס'איז נאך אלץ שולט דער מדת הדין בעולם. נאר אין דעם זכות, אז מ'גייט נישט נאך דעם

KolSatmar.com

זרם העולם, זאל מיר נישט נלכד ווערן אין מדת הדין, קען מען מהפך זיין דעם מדת הדין למדת הרחמים, אזוי ווי ס'שטייט, ביים מבול שטייט ויזכור אלקים את נח, זאגט דער מדרש, צדיקים זענען מהפכים מדת הדין למדת הרחמים, און ביים מבול שטייט וירא ה', זיי (הרשעים) זענען מהפך מדת הרחמים למדת הדין. איבערדעם זאגט מען דא, אפילו ס'איז מדת הדין שולט בעולם אין אזא נידעריגע צייט, אז ס'איז אבער "אלקינו", אז מ'איז מייחד דעם באשעפער און מ'גייט אויף דעם וועג, ווערט נתהפך דער מדת הדין, איז מען מזכיר דעם מדת הדין אויך, ס'ווערט נתהפך די מדה, דער מדת הדין ברויך אויך מסכים זיין (שנוושע ברחמים), אין אזא שפלות אז מ'האלט זיך. איבערדעם זאגט מען דא די זעלבע, זאגט מען "למענך אלקינו", **בעוה"ר, קענען נאר זאגן אלקינו יחידי סגולה, אביסל יודן וואס איז דא, וואס זיי האלטען זיך אין דער אמת'דיגער אמונה, אין דעם (ענין) אליין זאל מען געהאלפן ווערן אז מ'זאל קענען עומד בנסיון זיין, השי"ת ירחם על עמו ישראל.**

**איבערדעם** זאגט מען נאכאמאל הושענא, צוויי מאל, קודם איז הושענא למענך אלקינו, אז מ'זאל ניצול ווערען פון מדת הדין, אזוי ווי כ'האב פריער געזאגט. און דערנאך, דעמאלץ ווען דער בוכ"ע וועט העלפן והי' ה' למלך על כל הארץ, דעמאלץ איז הערשט הושענא, איז עס כפול, אזוי ווי דער מדרש זאגט, ביי שבת שטייט שיר כפול (מזמור שיר), בעולם הזה און עולם הבא, שטייט דאפעלט, איבערדעם "הושענא למענך אלקינו", היצט ביז דערווייל, און ס'וועט נאכקומען דער רעכטער "הושענא".

**דער אמת ברויך מען גרויס רחמים, די גאנצע וועלט ברויך רחמים, מ'האלט איצט פאר אן איבערגאנג, ווייסט מען דען די חבלי משיח ווי ווייט דאס גייט, דער אמת האלט מען דאך**

KolSatmar.com

שוין קרוב צו ביאת המשיח, נאר דער קטרוג איז דאך זייער גרויס, ס'שטייט דאך אלעמאל פארדעם ווען ס'איז געווען א קץ און ס'איז פארדארבען געווארן, איז געווען גרויסע צרות, אין שנת ת"ח און נאך אזאלכע יארן, איז דער קטרוג זייער גרויס ס'איז פאר ביאת המשיח, ברויך מען גרויס רחמים אין די גאנצע וועלט, אזוי ווי מ'שטייט, ובפרטיות אחינו בני ישראל בארץ הקודש, זיי זאלן נישט מיטגעריסען ווערן מיטען זרם, זיי ברויכען אין פשטות גרויס רחמים ווער ווייסט דען נאך וואס דארט וועט זיך נאך טון, מ'דארף נישט פארגעסען מתפלל צו זיין, אז יודן זאלן ניצול ווערן, וואס עס וועט נאך פאריבער גיין דארט ווייסט השי"ת, דאס ווייס מיר אונז נישט, לאמיר איינרייסען פאר יודענס וועגען, די יודן זאלן ניצול ווערן, וואס קען מען זיך העלפן, מ'זאל מיר נישט נלכד ווערן בעצת החטאים האלה בנפשותם.

**דער** זיידע זכרונו לברכה אין ייטב פנים זאגט ער, ער זאגט אפילו נישט וואס ער האט געמיינט, נאר אעפי"כ פארשטיי איך עס... ס'איז נאך מער רוה"ק דא דערין, זאגט ער דארט, עבדים משלו בנו פורק אין מידם, (ער ברענגט עס בדרושים לר"ה ערגעץ דאכט זיך מיר דרוש נ"ב) דארט זאגט ער א פלא, דאס גלות פון די אומות איז נאך מיט חסד, דאס קען מען נאך אויסהאלטן, נאר דאס גלות פונעם ערב רב, דאס איז עבדים, כי לי בני ישראל עבדים, פונעם ערב רב, עבדים משלו "בנו", אינעווייניג צווישען אונז, די וואס זענען אויסגעמישט צווישען יודן, פארלייגען זיך אויף יודישקייט, לעינינו עשקו עמלינו טייטשט ער, ס'שטייט עמלינו אלו הבנים, פאר אונזערע אויגן נעמט מען יודישע קינדער און מ'שמד'ט זיי אויס, לעינינו עשקו עמלינו, אזוי טייטשט ער אין ייטב פנים, פורק אין מידם, פון גלות האומות קען מען נאך ניצול ווערן, אבער פון דעם גלות איז זייער שווער, דאס גלות פון די רשעי ישראל וואס זענען צווישען יודן, מיט דעם זאגט

KolSatmar.com

ער משלו "בנו" צווישען אונז, אזוי פאראַרבעט ער דארט, ס'איז נישט צו פארשטיין, ס'איז נאך נישט געווען אויף אזא אופן דעמאלטץ בימיו, ס'איז געוועזען שוין כיתות וואס זיי האבן זיך פארלייגט, אבער זיי האבן נישט געהאט אזא גרויסען כח, אבער היינט בעוה"ר גייט עס מיט א שטארקע ממשלה ביד חזקה, האט מען דען א השגה וויפיל מאות אלפים יודישע קינדער מ'האט געברענגט צו כפירה מיט דער געוואלד, ווי קען מען זיך מיט דעם בארואיגען, אוי ואבוי ווי קען א יודיש הארץ לעבען במנוחה, ווי גייט מען דורך דאס יאר, מ'לעבט במנוחה, ווי קען מען זיך טרייסטען, ס'איז נאך ארגער ס'איז אין פנימיות הלב, אז ס'קען זיין יודן שומרי תורה ומצוות וואס זענען נאך נהנה פון דעם.

**איך** האב מיט דעם געטייטשט, זיי פרעגען דאך אלע (עיי' דברי יואל תצא קמ"ד) ס'שטייט ביי מלחמת גוג ומגוג זאגט די גמרא (ברכות י') למה נסמכה למה רגשו גוים צו אבשלום'ן, שאם יאמר לך אדם כלום יש עבד שמורד באדונו, ביי גוג ומגוג'ן, וועלען זיי דאס נישט גלייבן, מ'וועט נישט גלייבן אז עבד מורד באדוניו, מ'וועט קאנען שווער די אמונה אריין נעמען, האט מען געוויזען ביי אבשלום'ן, כלום יש בן מורד באביו אלא הוי, הכי נמי הוי, פרעגען זיי אלע די קשיא, איז דען נישט געווען ס'איז דאך געווען נמרוד און נאך אזעלכע וואס זיי האבן מורד געווען באדונם, מ'האט אריינגעווארפען אברהם אבינו'ן אין כבשן האש פאר דער אמונה, ס'איז דא וואס ווילען עס פארענטפערען מיט שווערע תירוצים.

**האב** איך געזאגט דעם פשט, עס שטייט עבד, אזוי ווי ס'שטייט אין ייטב פנים, עבדים משלו בנו מיינט מען צווישען יודן, ס'שטייט דאך אין זוה"ק (**איך ברענג עס דארט - בעה"ג ועה"ת**) אז די פריצי עמך ישראל וועלען מלחמה האלטען מיטען מלך המשיח, די וועלען גיין מיט מלחמת גוג ומגוג קעגען מלך המשיח,

KolSatmar.com

זיי ווע׳לען זיך מתדווג זיין לפטרונם של ישראל, עס שטייט זיי ווע׳לען לוחם זיין קעגען דער אמונה, דאס איז דער פשט איך ברענג עס שוין דארטען באריכות (עה"ג ועה"ת סי׳ ס"א) באריכות, ווען מ׳העט הערען אזא וואס, אז יודן גייען לוחם זיין קעגען דער אמונה מיטן מלך המשיח, וועט מען שווער קאנען גלייבען, כלום יש "עבד" שמורד באדוניו, זיי זענען דאך דאך א עבד, זיי זענען דאך מזרע ישראל, כי לי בני ישראל עבדים, הגם ער זאגט טאקע, דער רשב"א אז זיי זענען נישט מזרע ישראל, זיי זענען פון די וואס אדם הראשון האט אראפגעברענגט בק"ל שנה, זיי זענען ניטאמאל פון זרע הגוים, דער רמב"ם זאגט אויך אז זיי זענען מזרע הגוים, אבער היצט זענען זיי דאך געבוירען ביי יודן, דאס השתלשלות פון די נשמות, זענען זיי דאך נכלל אין דעם כי לי בני ישראל עבדים, ווי קומט צו זיין א מורד באדונו, פארדעם וועט זיין די קשיא זייער גרויס, אויף דעם ברענגט מען די ראיה פון אבשלום׳ן.

בעוה"ר היינט זעהט מען דאס שוין בפועל, זיי זענען מורדם באדונם, ווי ווייט דאס גייט, בעוה"ר אז מ׳גייט עפענטליך מיט א מרידה בהקב"ה בפירוש, ס׳איז נאך נישט אזוינס געווען מיום הוסדה הארץ, און ס׳געפינט זיך נאך יודן שומרי תורה ומצוות וואס זיי גייען מיט זיי מיט, אוי נא לנו אז מ׳האמיר זיך אזוינס דערלעבט, ווען אונזערע עלטערען וואלטען דאס דערלעבט וואלטען זיי עס נישט געקאנט אויסהאלטען, נאר בעוה"ר מ׳זעמיר נתגשם, אפשר איז דאס א חסד הבורא מ׳זאל עס קאנען אויסהאלטען, מורי ורבותי ! לאמיר זיך בארעכענען, מ׳זעמיר אין דעם טאג הושענא רבא, מ׳וועל מיר נישט האבן נאך אזא טאג ביז איבער א יאר, ווער ווייסט וואס אין דעם יאר וועט זיך נאך טון, לאמיר נישט שווייגען דעם היינטיגען טאג, לאמיר נישט ארויסגיין פון ביהמ"ד מיט גארנישט.

KolSatmar.com

**בפשטות** פארוואס ס'הייסט הושענא רבא, די גמרא (סנהדרין ט"ז) זאגט מאי הדבר הגדול דבריו של גדול, פונדעסטוועגען דא איז די רעדע אז מ'וועט בעטען למען כבודו יתברך שמו, הייסט עס הושענא רבא, לא למענינו אלא למען כבודו יתברך שמו, איבערדעם קאן זיין זאגט מען אלקינו מ'זאגט נישט ה', מ'דארף דאך בעטען למען כבודו יתברך, דאס איז דאך דער דין אזוי, אונז בעט מיר השי"ת זאל געהאלפן ווערן, ס'שטייט דאך ואעש למען שמי, דער סוף וועט דאך זיין יודן וועלען תשובה טון אחר ביאת המשיח, מ'האף מיר עכ"פ אז די וואס גלייבען אין באשעפער, און זיי האבן השתוקקות, מ'האט א רצון צו דינען דעם בוכ"ע, נאר נעבעך די נסיונות אין דעם חשכות העולם דאס פארשטעלט דעם דעת, די וואס האבן א רצון עכ"פ צו דינען דעם באשעפער, מ'זאל זוכן דעם אמת, די זאל נאך דער בוכ"ע העלפן, ממילא אז מ'בעט פארן בוכ"ע אליין, קומט טאקע אלקינו, איז עס מיטען דין, אז מ'זאגט פארן כבוד שמים דארף מען מזכיר זיין טאקע די מדת הדין, אזוי ווי איך האב פריער געזאגט.

## הושענא למענך אלקינו הושענא

**היצט** זאגט מען בוראינו, עס שטייט תכתב זאת לדור אחרון ועם נברא יהלל י-ה, דער אמת איז, אין תוקף הגלות זענען די הערצער פארשטאפט, דער יוד וואס האט אין זיך א ניצוץ של אמת, און דער בוכ"ע העלפט ועם נברא, אז מ'וועט זיין ווי א בריאה חדשה, **אז מ'וועט נאר הערען א שטיקעל ישועה, אז יודן זאלן הערען שופר של משיח האט גארנישט קיין שיעור וויפיל יודן וועלען תשובה טון דעמאלטיק, בעוה"ר מ'דארף זיך אויסמאלען, מ'דארף זיין גרייט, מ'קען נישט וויסן די מינוט און די רגע וועלכן טאג יודן וועלען געהאלפן ווערן, איבערהויפט אין די לעצטע זמנים**, ס'איז נישט קיין זמן פון גרויסע הכנות, **אזוי ווי ער**

KolSatmar.com

זאגט דער ארץ החיים, אז ס'וועט לאנג דויערען וועט קומען אלעם אויף אמאל, אונז קען מיר גארנישט וויסן, מ'דארף זיין גרייט, וואס פאר א פנים וועט מען האבן, וואויל איז דעם יוד וואס וועט קענען דעמאלטץ ווען ס'וועט דערלייכט ווערן דער אור הגאולה, מ'וועט דארפן אקעגען גיין משיח'ן, מ'וועט אקעגען גיין, מ'וועט האבן מיט וואס, מיט עפעס, מ'וועט וויסן ער איז איבערגעשטאנען אזעלכע שווערע נסיונות, מ'האט זיך געפירט, מ'האט געהאט א הארץ צום באשעפער אין דעם גרויסען חשכות, אוי ווי גרויס בושה וועט זיין אז מ'איז אינגאנצען פארפירט געווארן, לאמיר זיך בארעכענען מ'וועט דאך געהאלפן ווערן, אונז גלייב מיר דאך אין ביאת המשיח, וואס פאר א פנים וועל מיר האבן אז מ'וועט אקעגען גיין דעם מלך המשיח, וועט מען זאגן אזוי זעהסטו אויס, וואס האסטו עפעס געטיען אין די ביטערע יארן, ס'איז געווען אזוי וויט די שכינה הקדושה, די האסט געזעהן דאס גלות, דאס שפלות, דער מצב התורה, און דער מצב אין יודישקייט און דער מצב האמונה, דאס אלעם וועט זיך דאך ארויסשטעלען, השי"ת זאל זיך מרחם זיין אויף אונז, מ'זאל מיר נאך נתקרב ווערן צום בוכ"ע, אז מ'וועט אקעגען גיין משיח'ן זאל מען האבן מיט וואס צו גיין, וויאזוי וועל מיר אויפהייבען דעם פנים פארן מלך המשיח, אז מ'וועט זאגן ביזט דורך געגאנגען אזעלכע ביטערע צייטען, און די האסט גארנישט משים אל הלב געווען.

**פארדעם** איז חדשים לבקרים, מ'ווערט א בריאה חדשה, איין טייטש איז אין די חכמז"ל פון דעם וואס ס'איז חדשים לבקרים, און מ'ווערט באשאפן א יעדן אינדערפרי א בריאה חדשה, מ'באקומט צוריק די נשמה, פון דעם איז רבה אמונתיך, דאס איז א ראיה, דורך דעם גלייבט מען אין תחיית המתים, דאס איז א בחינה פון תחיית המתים, אז מ'שטייט אויף מיט א הארץ צום באשעפער.

KolSatmar.com

**דער** אמת היינט בכל רגע ורגע ברויך מען סייעתא דשמיא, אז
מ'זאל חלילה נישט נשתנה ווערן, איבערדעם שטייט נישט
בראנו, מ'האט דאך נאר איינמאל באשאפען, נאר מ'זאגט בוראינו,
יעדעס מאל ווערט מען א בריאה חדשה, אז דער אייבירשטער
העלפט מ'איז משים אל הלב, וויאזוי מ'ווערט א יוד, מ'גלייבט
באמונה שלימה, מ'איז משים על הלב, אז מ'זאל נאך דינען דעם
באשעפער באמת, מ'ברויך זיך בעטען ביים בוכ"ע מ'זאל זוכה
זיין צו גיין אין דרך האמת, מ'זאל מיר נישט חלילה פארפאלען
ווערן אין דעם גלות, אין דעם שפלות, וואס פאר א פנים וועט
מען האבן פארן מלך המשיח, מורי ורבותי! מ'זעמיר זיך דא
צוזאם געקומען הושענא רבא - אין דעם טאג - אין ביהמ"ד,
לאמיר נישט ארויסגיין מיט גארנישט, לאמיר משים אל הלב זיין,
דאס זאגט מען הושענא - מ'ווערט א בריאה חדשה

## הושענא למענך בוראנו הושענא

**איצטערט** זאגט מען גואלינו, ס'שטייט דאך אזוי, גואלינו איז
לשון הוה, ס'גייט ארויף אויף גאולת הנפש, אז מ'זוכט
דעם אמת העלפט דער בוכ"ע און מ'ווערט אויסגעלייזט פון די
סטרא אחרא, טאקע אין גלות דארף מען יעדע רגע א גאולה, מ'זאל
נישט פארפאלען ווערן אין זרם העולם בעט מען דאס איז מעין פון
די גאולה העתידה, השי"ת זאל אונז העלפן אונז זאל מיר זוכה זיין
אלע מ'זאל מיר דערלעבען ביז ביאת המשיח, אונז זאל מיר
דערלעבען די גאולה העתידה, און ביז דערווייל זאל מיר
אויסגעלייזט ווערן מעמקי הקליפות, אויס געלייזט ווערן פון די
סטרא אחרא, אונז זאל מיר די זכיה האבן משים אל הלב צו זיין,
דורך דעם וועל מיר ווערן א בריאה חדשה און ס'וועט זיין גואלינו,
מ'וועט אויסגעלייזט ווערן פון די כוחות הטומאה.

## הושענא למענך גואלנו הושענא

KolSatmar.com

**היצט** קומט למענך דורשינו, ס'שטייט ביי אבידה, והיה עמך עד דרוש אחיך אותו, דער טייטש פון פסוק איז דרוש אחיך אז יענער וועט פאדערען, פרעגט די גמרא (ב"מ כ"ז ע"ב) וכי תעלה על דעתך זאלסט עס אים געבען קודם שידרשהו, אלא דרוש אותו די זאלסט אים פאדערען אם הוא רמאי, זאלסט אים פארשטען, אין פסוק שטייט דאך פארקערט, דרוש אחיך אותו, דער ברודער וועט פארשטען, דער דרש זאגט די זאלסט אים פארשטען אם הוא רמאי, די פסוקים גייען אזוי ס'איז נכלל דאס דאפעלט דרישה, דער פסוק זאגט דרשו את ה' בהמצאו, מ'זאל פאדערען מ'זאל זוכן דעם באשעפער, ואימתי הוא נמצא וכו', ס'איז אבער פארקערט אויך טייטש, דער בוכ"ע פאדערט דרשהו אם הוא רמאי, צו איז מען אמת'דיג צוגעקומען די הייליגע טעג, ס'איז דורך געגאנגען ראש השנה, יום כיפור, עשי"ת, די הייליגע טעג סוכות, צו איז מען צו געגאנגען מיט א אמת'דיג הארץ, דרשו את ה' דער בוכ"ע פארשט, דאס ווערט אנגערופן בלשון דרישה, דער בוכ"ע ווייסט ברגע אחד אום געפארשט, נאר דאס ווערט אנגערופן בלשון דרישה, ארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה, אלע השפעות מן השמים ווערט אנגערופן בלשון דרישה, איבערדעם זאגט מען למענך דורשינו, השי"ת דורש אותנו תמיד, **דער בוכ"ע קוקט אריין אין די הערצער**, ווי געפינט מען **א תנועה של אמת**, דרשהו אם הוא רמאי, דארף מען זיך בארעכענען, מ'האב מיר היינט דעם לעצטען טאג פאר די חתימה, השי"ת פאדערט פון אונז און זעהט דעם אמת, היינט קען מען נאך מתקן זיין דאס אלעס וואס מ'האט אויסגעבעטען אין די הייליגע טעג, ביז היצטערט, מורי ורבותי ! **אלע אינאיינעם** אזוי ווי מ'זעמיר מ'איז בשפל המצב, מ'האב מיר זיך נישט ווי צו קערען און ווי צו ווענדען, ס'איז נישטא מער די דורות הראשונים, ס'איז געווען א ביהמ"ק, ס'איז געווען נביאי אמת, ס'איז געווען די פריערדיגע קדושים, בעוה"ר מ'האט אונז געלאזט הפקר, מ'האב

KolSatmar.com

מיר זיך נישט איצט ווי צו קערען און ווי צו ווענדען, מ'האב מיר נישט ווי צו בעטען א שטיקעל השפעה, נאר פון בוכ"ע אליין, אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים, פארצייטענס איז געווען עפעס אנדערש, נאר וואזשע דען, ס'איז געווען א ביהמ"ק מיט כהנים גדולים, בעלי רוה"ק אמיתיים, ס'איז געווען וואס זיי האבן געדינט דעם באשעפער בלב שלם, מ'איז נישט געווען אזוי געזינקען בעוה"ר, איין באשעפער זאל אויף אונז רחמנות האבן, לאמיר מעורר רחמים זיין, לאמיר נישט שווייגען דעם היינטיגען טאג, מורי ורבותי! לאמיר זיך נעמען צום הארץ, אויסגיסען די הערצער פארן לעבעדיגן באשעפער, לאמיר נישט שוינען קיין טרערן פארן בורא עולם.

## הושענא למענך דורשנו הושענא

(הקפה א') יעצט קומט למען אמיתך, דער ישמח משה זאגט אין תהלים תפלה למשה (קאפיטל כ"ה) ער זאגט לעולם קודם מוז זיין אמת, און דערנאך קומט חסד, ער זאגט אזוי, אמת ווערט אנגערופן דער עולם האמת דער עולם הבא, חסד ווערט אנגערופן דער עולם הזה, דא גיט מען אלעס נאך מיט חסד, דארטן איז דער עולם האמת, פאר יודן גוט מען ביידע, ס'איז א חסד של אמת אז מ'זאל צוקומען צום אמת, אז יודן זאלן קאנען, מ'זאל האבן מיט וואס, מ'זאל האבן דעם כח, ער טייטשט מיט דעם למען שמך ה', חסד ואמת שטייט פריער, דער בוכ"ע אליין וויל אויף דעם ארויף זאל מיר תשובה טון פאר ביאת המשיח, אזוי טייטשט ער דארט אין תהלים'ל, איז עפ"י פשוט למען אמיתך, זיי טייטשען דאך מיט דעם תתן אמת ליעקב חסד לאברהם, די הבטחה פאר אברהם אבינו איז געווען א חסד, ער האט עס נישט געמוזט צו זאגן, ביי יע"א איז עס שוין געווען א אמת, מ'האט דאך עס שוין צוגעזאגט פון פריער, תתן אמת ליעקב חסד לאברהם, פאר אברהם איז געווען

KolSatmar.com

א חסד ביי יעקב אבינו איז עס שוין געווען א אמת, אונז קום מיר בעטען גרויסע חסדים מיטען מדת האמת, די הבטחה פונעם בוכ״ע, דארף מען נאר קוקען אויף דעם אמת פונעם בוכ״ע, ס׳איז מדה כנגד מדה, בעוה״ר מ׳איז זייער ווייט פונעם אמת, השי״ת זאל משפיע זיין אויף די יודן אז מ׳זאל באקומען אין די הערצער א נקודה של אמת, מיט א נקודה של אמת ברעכט מען אלעס דורך, אוי ווי ווייט איז מען פונעם נקודה של אמת.

## הושענא למען אמיתך הושענא

**מ׳זאגט** למען בריתך, ס׳איז א כריתת ברית, דער אמת אז יודן זענען אליין ראוי האט מען גארנישט געדארפט קיין כריתת ברית, מ׳איז דאך אליין ראוי, נאר אין א דור השפל מ׳איז אזוי פארדרעגגט אין שפלות, מ׳קען זיך נישט קיין עצה געבען, אויף דעם איז דער כריתת ברית, ווען איז נאך געווען א זמן וואס ס׳זאל אזוי אויסגעניצט ווערן דער כריתת ברית, וואס דער בוכ״ע האט כורת ברית געווען שאינן ריקם חוזרת, ס׳זאל נישט גיין ריקם די תפלת ישראל מיט די שלש עשרה מדות, מ׳זאל שוין דאס דערקענען דעם ברית עולם, והקימותי לך ברית עולם.

## הושענא למען בריתך הושענא

**(הקפה ב׳)** בית הבחירה הושענא, ס׳קען זיי מ׳זאגט דא בית הבחירה, מ׳פרעגט א קשיא וואס מ׳זאגט במקום אשר יבחר ה׳, ער האט נישט מגלה געווען, ער ווארט געקאנט פריער זאגן, כ׳האב געזאגט אויף דעם, ער זאגט נישט ווי, דער פסוק איז דא מודיע אז דאס ברויך השי״ת בוחר צו זיין, אליין טאר מען נישט . . . ער האט געזאגט פאר אברהם אבינו דארט ווי דאס פלאץ איז, ער האט דא געזאגט במכיון, דאס קאן נאר זיין נבחר פון הקב״ה, דאס קאן מען זיך נישט אליין נעמען, דאס דארף מען דאך

KolSatmar.com

נישט צו זאגן וויאזוי ס'זעהט אויס אז מ'נעמט זיך אליין, אלעמאל איז געווען עפ"י נבואה, ממילא בבית שלמה איז דאך נישט קיין שמועס, ס'איז דאך געווען נביאי אמת, און ביים בית שני שטייט דאך אויך ג' נביאים עלו, האבן זיי געוויזען דאס פלאץ, לעתיד איז דאך קיין שמועס נישט ס'וועט זיין אליהו ומשיח, עס דארף זיין נבחר פון הקב"ה, מ'קאן זיך נישט אליין נעמען אין די קדושה זאל שולט זיין, איבערדעם זאגט ער המקום אשר יבחר און ער זאגט נישט ארויס, אז ער וועט אנווייזען דאס פלאץ, וועט מען מיינען מ'קען זיך עס אלעמאל גיין אליין נעמען, איבערדעם זאגט דער פסוק נייין, דאס איז נאר אשר יבחר ה', אז השי"ת וועט עס בוחר זיין, אז השי"ת וועט עס געבען פאר יודן וועט דאס זיין זייער גוט, וועט עס זיין א מקום דארט וועט מען קענען די גאנצע קדושה, ס'וועט געהאלפן ווערן דער גאנצער כלל ישראל, אבער ווען מ'נעמט זיך אליין רח"ל איז עס א ביטערע צרה, אזוי ווי מ'זעהט איך דארף נישט צו זאגען בעוה"ר דעם ניאוץ ה' במקום הקודש, כמוהו לא נהייתה, ס'איז נאך אזוינס נישט געווען, ווער האט זיך גערעכט אויף דעם, אז מ'וועט אזוי מחלל זיין דאס מקום המקדש בכל התועבות שבעולם, ווי איז דאס דור אז מ'האט געמוזט צו דעם צוקומען, די פריערדיגע דורות וואלטען אזוינס נישט ווען געקאנט אויסהאלטען, נאר דאס התגשמות פון עולם הזה איז אז מ'פארטראגט דאס.

## הושענא בית הבחירה הושענא

**הושענא דביר המוצנע**, דאס זעלבע איז דא מיט דביר המוצנע,

דער דיבור איז דארט ס'איז באהאלטן,

ווען ס'וועט נתגלה ווערן וועט מען וויסן דארטן איז דאס מקום וואס רוהט די שכינה הקדושה, נאר מ'איז בגולה, דער בוכ"ע זאל רחמנות האבן מ'זאל מיר געהאלפן ווערן, מ'זאל מיר זוכה זיין צו

KolSatmar.com

באקומען די מקומות מיט אליהו ומשיח, אונז זאל מיר די זכיה האבן נאך תשובה צו טון, מ'זאל מיר נאך די זכיה האבן צו דינען דעם באשעפער במקום הקודש, בעוה"ר מ'זאל מיר שוין נישט סובל זיין אזא ביטער שפלות, ס'זאל נישט זיין אזוי כח היצר וואס איז מסמא העינים.

## הושענא דביר המוצנע הושענא

**הושענא** הר המוריה הושענא, ס'איז דא פשטים אין הר המוריה ווי די גמרא דרש'נט שמשם יצאה הוראה לעולם, אבער דאס האט דעמאלטיק השי"ת געגעבן אז פון דארט קומט ארויס הוראות אמיתיות, אבער ווען ס'איז חלילה פארקערט אז מ'איז מנאץ ה' קומט ארויס ה' ישמרינו גרויס חציפות מיט הריסות גדר, ווי אזוי ווערט עס אנגערופן הר המוריה, מ'איז מקונן פאר הקב"ה, דאס מקום הקודש וואס דארף ארויסגעבען הוראות אמיתיות, בעוה"ר וואס געט דאס ארויס היינט, אוי נא לנו כי חטאנו, אז מ'האט אזוינס צוגעפירט בימינו, בעוה"ר דער עון הדור האט דאס גורם געווען, מ'קען נישט אזויפיל מאריך זיין, ס'איז עת צרה היא ליעקב, ס'איז שוין די העכסטע צייט השי"ת זאל אויף אונז רחמנות האבן, אז מ'זאל מיר שוין געהאלפן ווערן במהרה, מ'זאל מיר ארויס פון דעם חשכות.

## הושענא הר המוריה הושענא

**איצט** זאגט מען חנה דוד, איך האב פריער נאכגעזאגט דעם ב"ח, איבערדעם זאגט מען וכסא דוד עבדך, אונז בעט מיר אויף אזא ירושלים אז דוד המלך זאל דארט פלאץ האבן, נישט אויף אזא בחינה וואס דוד המלך קען נישט סובל זיין, אן אנדערער ערליכער יוד קען עס אויך נישט פארטראגען, ווי אזוי קען דוד המלך אזוינס פארטראגען, דער ב"ח זאגט אזוי פשט אין ברכת

KolSatmar.com

ולירושלים, מ'לאזט אויס וכסא דוד עבדך, זאגט ער ס'איז מעין הפתיחה, מ'בעהט זיך אז ס'זאל זיין חנה דוד, מ'בעט מיר אויף אזא ירושלים, אזא מקום המקדש, אז דוד המלך זאל דארט קומען, **אוי נא לנו אז מ'דערהער מיר זיך אזוינס, בעוה"ר די מנאצי ה' פארלייגען זיך דארט, ווער קאן דען וויסן דעם צער השכינה הקדושה, און דעם צער המקום, דאס האב מיר אונז גורם געווען מיט די חטאים.**

## הושענא חנה דוד הושענא

(הקפה ג') מ'זאגט דא כבושה בגולה, לומדת יראתך, וואס איז דער שייכות, און וואס איז דער טייטש "לומדת",

באמת ברויך מען דאך צו האבן יראה (בפועל), בעוה"ר דער כח הגלות, דאס נפש איז אין גלות, דאס הארץ איז אין גלות, אפילו מ'העט געוואלט, דער גרויסער חשכות העולם דאס חשכות הגלות, איבערדעם זאגט מען נאר "לומדת" מ'לערינט זיך, הציבו לך ציונים שטייט, ס'זאל נישט זיין כחדשים ווען משיח וועט קומען, מ'לערינט די כללים און מ'זיכט מ'זאל האבן ידיעות וואס ס'הייסט יראת שמים, ווען דער אייבירשטער וועט העלפן ס'וועט זיין די גאולה שלימה, מ'וועט קומען צום מלך המשיח מ'וועט אריינשיינען יראת שמים, זאל עס נישט זיין קיין נייעס, מ'וועט זיך דערמאנען מ'האט עפעס עוסק געווען אין דעם, נאר מ'האט נישט פארשטאנען ווייל מ'איז געווען ווייט דערפון, ס'איז א לימוד פון יראה, דאס גלות איז א לימוד פון יראה, מ'לערינט זיך אויס, אין דעם עומק הגלות ווי אזוי מ'ווערט פארפירט, דאס דעת איז אין גלות, מ'ווייסט נישט מ'פארשטייט נישט, **ווי אזוי וועל מיר צוקומען צום מלך המשיח, וועל מיר דען קענען זאגן מ'האט געהאט יראת שמים, בעוה"ר מ'זעמיר דאך זייער ווייט פון א נקודה פון אמיתיות פון יראת שמים, אזויפיל זאל מיר זאגן כאטש, מ'האב מיר זיך פראבירט**

KolSatmar.com

לערנען יראת שמים, השי"ת זאל אויף אונז רחמנות האבן אונז זאל מיר נתקרב ווערן צו הקב"ה, מ'זאל מיר נאך טון תשובה שלימה, אונז זאל מיר זוכה זיין צו זעהן ישועת ישראל, מ'זאל נישט נדחה ווערן דורך די חטאים, איבערדעם זאגט מען כבושה בגולה דאס איז לומדת יראתך, מ'לערינט זיך, מ'קען זאגן אפילו מ'נעמט דאך ארויס און מ'פארכט זיך פאר שטותים והבלים, מ'פארגעסט גאר אז ס'איז דא אפילו אמת'דיג יראה פארן בוכ"ע . . . איבערדעם כבושה בגולה, עכ"פ איז עס א לימוד.

## הושענא כבושה בגולה הושענא – הושענא לומדת יראתך הושענא

**(הקפה ד')** הושענא יבול להשפיע, ונתנה הארץ יבולה זאגט רש"י מה שאתה מוביל לה וואס מ'זייעט, קען זיין דאס לשון יבול מלשון ונתנה הארץ יבולה, שאתה מוביל לה, ס'איז אזוי וואס מ'זייעט קומט פונעם מענטש, ברויך מען האבן אז ס'זאל כאפען, ס'זאל האבן א ברכה און ס'זאל וואקסען, מ'זאל דורכפירען דאס וואס די זאמען ברויך דורכצופירען, יבול, דאס טוט דאך דער מענטש, ס'איז אמאל פארהאנדען מ'האט נישט וואס צו זייען מ'האט נישט וואס צוברענגען, ברויך מען האבן א ישועה אז מ'זאל האבן וואס צו זייען, דער יבול להשפיע גייט דאך ארויף אויף די זעלבע, אויף די מדות וואס איז בשמים אז ס'זאל האבן השפעה ס'זאל וואקסען פון דעם וואס מ'האט געברענגט, בעוה"ר מ'האט נישט וואס צו ברענגען, מ'האט נישט וואס צו זייען, מ'האט נישט פון וואס ס'זאל וואקסען, פון דעם אליין איז מען אויך ווייט, **בעוה"ר דאס שפלות הדור, מ'האט זיך נישט ווי צו קערען און ווי צו ווענדען, דעם זאמען אליין ברויך מען האבן מן השמים, דער בוכ"ע זאל משפיע זיין אז מ'זאל האבן וואס צו זייען, און דערנאך ברויך מען א השפעה אז ס'זאל וואקסען,** איבערדעם

KolSatmar.com

זאגט מען יבול להשפיע, דעם יבול וואס מ'ברויך צו ברענגען אריין צו זעצען דאס זאל מען משפיע זיין מן השמים.

## הושענא יבול להשפיע הושענא

(הקפה ה') מ'זאגט דא הוד להבל דמה, דאס ספירת הוד איז א גרויס ענין, פון די ז' מדות הקדושות, מדות העליונות, די שבועות הגלות איז געווען אויף ספירת הוד, הוד להבל דמה, קען זיין כ'האב שוין פריער געזאגט, מ'דארף הארעוועז אויף שמירת יסוד, לויט ווי איך זעה איינס פון די יסודי המכשולות פון די וועלט דעם מדת הוד נוצט מען אויס אויף גשמיות, מ'וויל זיך צו גלייכען צו די וועלט, אלע פריצות וואס מ'גייט ווייל ס'איז שיין פאר די וועלט, מ'האט גענומען א ספירה עליונה מדת הוד און מ'האט עס אריינגעברענגט אין נארישקייטן, מ'זעהט דאך רח"ל ווי אזוי ס'איז דער מצב העולם, אז מ'העט געוויסט וואס דאס איז, די אלע פריצות מ'גייט אנגעטיען מיט די בגדי פריצות, דערנאך קומט נאך די מדה פון יסוד און ס'רירט אן אין דער מדה, מ'איז פוגם אין די מדה פון הוד, מ'נעמט דאס הוד און מ'לייגט עס אריין אין נארישקייטען, קומט פריצות דערנאך, א מדה עליונה, ווי כ'האב פריער געזאגט אז דער פשט איז דאס מ'האט גענומען דעם הוד אין להבל דמה, מ'זאל זיך שיין מאכען פארן בוכ"ע מיט די מדה פון הוד, השי"ת זאל משפיע זיין בלבות בני ישראל מ'זאל מיר די זכיה האבן חן ושכל טוב בעיני אלקים, מ'זאל האבן חן ביים בוכ"ע, ער זאל משפיע זיין אין די הערצער מ'זאל גיין בדרך האמת.

## הושענא הוד להבל דמה הושענא

(הקפה ו') מ'זאגט דא כרם מתולעת, פארוואס גייט ער צוריק, אין יקב איז דאך שוין דא דער וויין, פארוואס זאגט

KolSatmar.com

ער כרם דערנאך, כרם ה׳ צבאות - די יודן ווערן דאך געגלעכינט, דאס איז אן עקסטערע זאך אז די הקפה גייט דאך ארויף אויפן יסוד, ווען ס׳איז שוין יקב איז שוין שפעט, אז מ׳זעהט חלילה ס׳איז געשעהן דארך מען זיך אים קוקן וואס פריער איז געווען, דער כח המחשבה האט געברענגט, ״כרם״ מתולעת ווי לאנג ס׳איז נאך געווען א כרם, ס׳איז נישט געווען ארויס מן הכח אל הפועל, האט זיך אריין געכאפט דער ווארעם, און דערנאכדעם ווען ס׳איז שוין טאקע יקב איז עס טאקע מילק, דאס איז נאך ארגער.

**הושענא יקב מילק הושענא – הושענא כרם מתולעת הושענא**

## תושלב״ע

KolSatmar.com